Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פּרייז 20 גראָשען

# היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 99/1394 | Łódź, Niedziela 29 kwietnia 928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאָג ט׳ אייר תרפ״ח | Nr. 99/1394

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź Piotrkowska 21, tel. 2471.

ת״ל אשר ביהמ״ד הגדול דפה בצלוט פרבור עירנו לאָדז זכה לשמוע את שני הדרשות של שבת ר״ח אייר העבר מפי מו״מ הרב דלוצק יע״א אשר כעת נבחר ושוכן כבוד בעיר קרעמניץ, מורה מורינו ורבינו המאוה״ג ר׳ יחיאל יצחק בן ר׳ אליעזר ראַפּעפּאָרט שליט״א, מי ראה כאלה ומי שמע כזאת, אשר היו דברים היוצאים מן הלב ונכנסים אל הלב של כל השומעים, אשריכם בני קרעמניץ שזכותם לרב גדול מאד בתורה וחכמה כזה. כל מתפללי ביהמ״ד הנ״ל נותנים לו תודה רבה וחמימה על העתרו לבקשתם לזכותם בדרשותיו המצוינים, ומברכים אותו כי עבודתו בתור רועה ונוהג צאן עדתו החדשה תהי פורי׳ ומוצלחה.

**הגבאים ומתפללי ביהמ״ד דבאַלוט יע״א.** שמואל וואלף ליבערמאַן, העניך פראַנקפּאַרט, וואלף קאלסקי בעריש שטערנפעלד, נחם אליהו באמס, אליהו אָוודיינסקי.

---

## יודישע צענטראַלע עמיגראַציע-געזעלשאַפט „יעאָס“

אַבטיילונג אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 10

היינט, זונטאָג, דעם 29-טען אַפּריל, 8 אַ זייגער אין אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון צענטער. האַנדווערקער-פערבאַנד, פּאָלודניאָווא 4

## א קאָלעקטיווע פאַרלעזונג

:-:-: אויף דאָס טעמאַ: :-:-:

## „די עמיגראַציע-מעגליכקייטען פון יוד, האַנדווערקער“

אַלס רעפערענטען טרעטען אַרויס די ה״ה:

ד. בראַמבערגער (פון וואַרשאָ), וויצע-פּאָרזיצענדער פון דער האַנדווערקער-צענטראַלע, לאַווניק אַ. יאָעל, דירעקטאָר ב. אָרדינאַנס און ה. באַום.

דער אַריינגאַנג איז פריי פאַר מיטגלידער פון האַנדווערקער-פערבאַנד און פאַר סימפּאַטיקער פון דער עמיגראַציע-געזעלשאַפט.

864

---

**אויפפאָדערונג.** דערמיט פאָדערן מיר אויף דעם ה׳ מאָטעל צוקער, דרעווניאָווסקאַ 2 צום לעצטען מאָל, אַז ער זאָל קומען צו אונז אין פעראיין מאָנטאָג, דעם 30 אַפּריל, 7 אָווענד. כדי צו ערלעדיגען דעם סכסוך מיט אונזערע מיטגלידער מאָטעל אָרנשטיין, יהושע לעמעל און יעקב מעריינע; אויב נישט, וועלען מיר די זאַך איבערגעבען דער פּראָקוראַטור.

**האַנדווערקער-פעראיין, זאַכאָדניאַ 66**

**סעקציע סוחר׳ישע שטעפּער.**

---

# ברוך הבא בשם ד׳

## רבינו הגאון אב״ד מפּיעטריקאָוו שליט״א.

דאָס גאַנצע לאָדזער יודענטום בעגריסט מיט שמחה און התלהבות אייך, חשוב׳ער פּיעטריקאָווער גאון צו אייער בעהערען דאָס יודישע לאָדז מיט אייער בעזוך.

אין נאָמען פון דער יודישער געזעלשאַפט און אונזער שטאָט טראָגען מיר אייך אַקעגען אַ האַרציגען ברוך הבא!

דאָס הייליגע שליחות, וואָס איהר קומט אויספיהרען אין די מויערן פון דער צווייט-גרעסטער יודישער קהלה אין פּוילען וועט דורך יעדען לאָדזער יוד מיט דער ברייטסטער האַנד אונ-טערשטיצט ווערען.

אייער גרויס ווערק, די לובלינער וועלט-ישיבה וועט דאָס לאָדזער יודענטום זיך פיהלען גליקליך עס צו פערענ-דיגען. לאָדז — די שטאָט פון ליבע צו תורה, וועט שטאַרק זיין, דאָס אויף איהר נאָמען זאָל פעראייביגט ווערען דער ריזיגער תורה צענטער

# „ישיבת חכמי לובלין“

## איז המצוה נקראת אלא על מי שגמרה!...

קבלת-פנים-קאָמיטעט ביי׳ם

**סניף „ישיבת חכמי לובלין“ לאָדז.**

---

שבת, דעם 28. אַפּריל 1928 איז נאָך לאַנגע און שווערע ליידען געשטאָרבען אין עלטער פון 79 יאָהר

# ר. ע.

# נפתלי הערץ לימזין

# הכהן

די לויה קומט פאָר היינט, זונטאָג, דעם 29. אַפּריל ד. י., 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז, פּיעטריקאָווער 207, וועגען וואָס עס טיילען מיט די קרובים, פריינד און בעקאַנטע

די און טיפע טרויער פערבליבענע:

**זוהן, טעכטער, שוויגערטאָכטער, איידעמס, אייניקלעך און אוראייניקלעך.**

874

